# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קצ"ה – נצבים–וילך תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


### תתתתרנג) עס דערציילט מיין עלטער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' אליהו שטיינבערגער ע"ה

מיר האבן געוואוינט אין סאטמאר וואו מיין טאטע הרה"ח ר' שמחה שלום רייכהארד ז"ל איז געווען דער שו"ב.

עס איז געווען ווען אין אונגארן האט מען אויפגענומען אלס מושל דעם רשע גאגא ימ"ש, וואס ער איז געווען ידוע אלס גרויסער שונא ישראל, די אידן אין סאטמאר זענען געווען זייער באזארגט דערפון, און דער רבי רביה"ק הדברי יואל זי"ע האט גערופן א יום תענית ותפילה להעביר את רוע הגזירה.

אין יענעם טאג איז געווען דער ברית פון מיין קליינער ברודער בערעלע הי"ד (ער האט געטראגן דעם נאמען נאך הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע) און נאכן ברית האט דאס קינד זייער שטארק געבלוט און מען האט דאס נישט געקענט אפשטעלן, אז דאס קינד איז געווען אין א סכנה ל"ע. שפעטער אין טאג איז דאס ב"ה בעסער געווארן.

יענעם נאכמיטאג איז אנגעקומען די גוטע בשורה אז מ'האט אראפגעזעצט דעם רשע ימ"ש פון בענקל, און עס איז געווארן א גרויסע שמחה אין די שטאט.

דער רבי זי"ע האט זיך דעמאלטס אויסגעדרוקט אז דאס בלוט וואס איז געקומען פון דעם קליינעם בערעלע האט מכפר געווען אויף אידישע קינדער, און די גזירה איז בטל געווארן. (הערשל סופר, יעקב חזקי' ווייסמאן, אלי' בערגער, גרשון ווייסמאן, אלי' ווייס)

### תתתתרנד) עס דערציילט אונזער באבע - עלטער מומע תחי' אשת
## הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א

מיין טאטע הרה"ח ר' אהרן הכהן פאללאק ז"ל אין געווען א בארימטער סופר סת"ם.

עס איז געווען אמאל ווען עס איז געקומען צו אים א מאדערנער איד, און יענער האט זיך אויסגערעדט פאר איהם אז ער האלט שוין עטליכע יאר נאך די חתונה און ער האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער. האט אים דער טאטע געזאגט "געווענליך קליינע קינדער ציעהן דעם טאטנ'ס בארד, אז דו וועסט דיר לאזן וואקסן א בארד, וועסטו האבן ווער עס זאל דיר ציעהן די בארד"...

דער איד איז נתעורר געווארן פון די ווערטער, און ער האט זיך געלאזט וואקסן א בארד, און ער איז געהאלפן געווארן מיט א בן זכר, און ער האט מכבד געווען דעם טאטן מיט סנדקאותביים ברית. (יעקב קרויס, חיים יוסף יצחק הכהן פריעדמאן, אהרן הכהן פאללאק, משה יוסף הכהן פאללאק, יואל ברוך הכהן פאללאק, אהרן וויינשטאק, אהרן זאלדאן, אהרן ברח"נ וויינשטאק, יואל הערשקאוויטש, אהרן עקשטיין, שמואל בער שווארץ, נחום וויינשטאק, אהרן קליין)

### תתתתרנה) איך האב געהערט פון
## כ"ק אדמו"ר מקראלי שליט"א

איינמאל שבת נאכמיטאג האט זיך דער טאטע כ"ק אדמו"ר הרה"ק רבי שמואל צבי הורוויץ זצוק"ל מספינקא אראפגעלייגט לכבוד שבת קודש, און די קינדער זענען געזעסן אינעם ספרים צימער. פלוצלונג האט מען געהערט פון שלאף צימער קולות. איך בין שנעל אהינגעלאפן און געהערט ווי דער טאטע זאגט א שלש סעודות תורה אינמיטן שלאף. (כידוע פלעגט דער ספינקער רבי זצ"ל זאגן שלש סעודות תורות מיט קולי קולות און בכיות נוראות, וואס האט אסאך אידן מעורר געווען לתשובה). איך בין געווארן שטארק דערשראקן דערפון, און איך האב גערופן מיין ברודער כ"ק אדמו"ר מבית יצחק מספינקא שליט"א און ער האט דאס אויך געהערט.

שפעטער ווען דער טאטע האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, האבן מיר איהם געפרעגט צי עס איז עפעס געשעהן ביים שלאף, האט דער טאטע געזאגט "ניין, אדרבא, עס איז געווען זייער א איינגענעמער דרימל"... (עס איז כדאי צו פארצייכענען אז די פטירה פונעם ספינקער רבי'ן זצ"ל איז אויך געווען אינמיטן תורה זאגן פרייטאג צונאכטס אין ביהמ"ד איז געווען יצאה נשמתו בטהרה) (שלמה דוד אפענהיים)

### תתתתרנו) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יחזקאל יואל סאמעט הי"ו

מיר האבן געהאט די זכי' אלס קינדער צו קענען דעם גרויסן גאון וצדיק רבי יונתן שטייף זצ"ל. וואס אויסער זיין צדקות און גאונות איז ער געווען א עניו און א שפל ברך עד אין לשער.

עס ליגט מיר אין זכרון ווי בשנות תשט"ז-תשי"ז פלעגן מיר שטיין און ווארטן אויפן באס זאל אונז טראגן אין חדר. עס איז דעמאלטס געווען א קליינע תלמוד תורה, און ר' אלי' דוד טירנויער ע"ה איז געווען דער איינציגסטער באס דרייווער וואס פלעגט ארומפארן מיט זיין טרעקל אויפפיקן די קינדער איבער גאנץ וויליאמסבורג. אין די ווינטער חדשים פלעגן מיר שטיין ביים באס סטאפ א לענגערע צייט און ציטערן פאר קעלט.

רבי יונתן האט געוואוינט אויף היוז סט. און ווען ער פלעגט אהיימקומען פון די ווינער שוהל פלעגט ער אריבערגיין אונזער באס-סטאפ, ווען ער האט געזעהן די קינדער ציטערן פאר קעלט פלעגט ער זיך אפשטעלן און געבליבן ווארטן צוזאמען מיט אונז, און צוזאמען געציטערט פאר קעלט, ביז דער באס איז אנגעקומען...

רבי יונתן איז טאקע געווען אן אויבערלענדישער איד, און ער איז בכלל נישט געווען קיין חסיד, אבער מ'האט געוואוסט אז ער איז געווען בקי בנגלה ובנסתר, און ער האט זיך געהאלטן זייער מקושר צו די צדיקי הדור, זייענדיג א מבין אויף זייער פנימיות'דיגע עבודה.

מיין רבי אין חדר הרה"ח ר' אברהם דאסקאל ע"ה האט אמאל דערציילט אז ער איז געווען פורים ביים טיש פונעם סטראפקוב'ער רבי'ן זצ"ל, און רבי יונתן איז אריינגעקומען צום טיש ווען ער איז שוין געווען בגילופין, האט ער זיך אנגערופן הויך אויפן קול ""איך קען זאגן יחודים אויף יעדן אידן, אזוינע יחודים ווי דער סאטמאר רבי איז מייחד ביים עסן די פערפל".

ווען דער סטראפקובער רבי האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן "ער רעדט צופיל, טראגט אים שלאפן". ער האט נישט געוואלט אז רבי יונתן זאל רעדן ברבים פון די הויכע ענינים. (יוסף אלי' סאמעט, אליעזר מאיר סאמעט - יצחק ווידער)

### תתתתרנז) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' יצחק מרדכי יודא הכהן פאללאק הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' אברהם שמואל ענגלענדער ע"ה הכ"מ האט געהאט א פעטער וואס איז געווען פאר די מלחמה שו"ב אין בארשא נעבן סיגוט, ער איז געווען א געוויקטער חסיד'ישער איד.

נאך די קריג איז ער אנגעקומען קיין קאלאראדא, ער איז דארט אויפגענומען געווארן אלס שו"ב, און ער האט דארט אויפגעשטעלט א שטוב מיט קינדער, און ער האט געהאט אן אפענע הויז פאר הכנסת אורחים. אין יענע ערשטע יארן פלעגן טאקע קומען אסאך היימישע משולחים קיין קאלאראדא נאך געלט, און זיי האבן געוואוסט אז עס איז דא א היימישער בעל אכסניא וואו זיי וועלן טרעפן אלע זייערע געברויכן.

איינמאל זייענדיג אין ניו יארק איז ער אריין לקודש פנימה צו **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, צוזאמען מיט מיין טאטן ע"ה און ער האט געפרעגט דעם רבי'ן צי ער זאל זיך אהערציעהן קיין אמעריקע און וואוינען צוזאמען מיטן היימישן ציבור. האט אים דער רבי געזאגט אז ער זאל בלייבן וואוינען וואו ער איז, וויל ער טוט דארט אויף גרויסע זאכן.

האט ער געזאגט "אבער וואס וועט זיין מיטן חינוך פון די קינדער?", האט דער רבי געזאגט "יא, וועגן דעם חינוך פון די קינדער דארפט איר יא דא וואוינען"... (אהרן הכהן פאללאק, משה יוסף הכהן פאללאק, יואל ברוך כלב הכהן פאללאק).

### תתתתרנה) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא מערץ הי"ו

מיר האבן געוואוינט פאר די קריג אין סאטמאר. איינמאל איז מיין מאמע מרת זיסל ע"ה נישט געזונט געווארן, און מ'האט געפונען ביי איר אין האלז א געשווילעכטס ל"ע, און דער דאקטער האט געהייסן זאפארט אפפירן אין שפיטאל אין קלויזענבורג אדער אין פעסט, וויל דער מצב איז געווען זייער מסוכן.

מיין טאטע ר' אברהם יצחק ע"ה איז געווען א גרויסער חסיד פון **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, און ער איז אריין צום רבי'ן מזכיר זיין, דער רבי האט ווארעם אנגעוואונטשן א רפואה שלימה, און געהייסן פארן קיין פעסט.

אויפן וועג קיין פעסט האט מען זיך אפגעשטעלט אין דעברעצין, און דארט זענען זיי געוואויר געווארן אז עס איז דא א גוטער דאקטער וואס איז א ספעציאליסט אין די סארט אפעראציעס. מיין מאמע מיט איר גרויס אמונת צדיקים האט אבער גע'טענה'ט אז אויב דער רבי האט געהייסן פארן קיין פעסט, וויל זי נישט הערן פון עפעס אנדערש.

די אפעראציע איז טאקע געווען אין פעסט ביי דר. פישער, און ער האט נאכדעם מיטגעגעבן א צעטל מיט אינסטרוקציעס צום לאקאלן דאקטער אין סאטמאר ווי אזוי איר צו געבן די מעדיצינען אז זי זאלן זיך ערהוילן. און ער האט צוגעריבן אינעם בריוו "איך וואלט זייער נייגעריג געווען צו זעהן אויב דריי חדשים ארום וועט נאך די פרוי זיין ביים לעבן".

מיין מאמע ע"ה האט אפגעליינט דעם בריוו פונעם דאקטער, און געזעהן ווי ביטער דער דאקטער שאצט אפ איר מצב, זי האט דאס געוויזן פארן טאטן, און זיי זענען געווען זייער צובראכן דערפון. אבער די מאמע איז געווען די וואס האט זיך מחזק געווען און נישט געלאזט וויינען, זאגנדיג אז דער רבי האט געוואונטשן א רפואה שלימה וועט זיכער זיין גוט". און איר מצב האט זיך טאקע פארבעסערט, ביז זי איז געזונט געווארן.

עס איז אריבער עטליכע יאר, און מיין פעטער - מיין מאמעס ברודער - איז געווען ביי דאקטער פישער, און ער האט זיך פארגעשטעלט אלס א ברודער מיט מרת מערץ. ווען דער דאקטער האט דאס געהערט האט ער נישט געגלייבט צו הערן אז זי לעבט, און ער האט נאר געוואלט אז זי זאל קומען צו אים.

ווען ער האט איר געזעהן האט ער זיך אנגערופן "מערץ נעני, ביי אייך האט נישט געארבעט קיין דאקטעריי נאר העכערע זאכן". האט זי געענטפערט "דאקטער פישער, ווען איך האב נאר געזעהן אייער בריוו, האב איך שוין דעמאלטס געזאגט אז נישט דאקטעריי וועט מיך העלפן, נאר דער כח פון מיין רבי'ן"... (שמעון מערץ, יואל זוסמאן ג"ב, יוסף גאלדבערגער)

### תתתתרנט) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

ווען **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** איז געווען דאס לעצטע מאל אין ארץ ישראל בשנת תשכ"ה לפ"ק איז ער נישט געגאנגען באזוכן פארשידענע רבי'ס און רבנים וואס ער פלעגט באזוכן ביי די פריערדיגע געלעגנהייטן זייענדיג אין ארץ ישראל.

ווען מ'האט אמאל דערמאנט דעם רבי'ן אז ער איז נאכנישט געווען באזוכן ביים גערער רבי'ן ז"ל, האט דער רבי געענטפערט "ביז היינט פלעג איך גיין צו איהם וויל איך האב געהאפט צו קענען רעדן מיט אים איבער די אגודה און בחירות, אבער יעצט אז עס איז שוין ארויס געקומען דער ויואל משה, און איך קען סיווי נישט פועלן ביי אים, האב איך נישט וואס צו גיין".

איינעם לעצטן טאג ווען דער רבי האט שוין געדארפט צוריק פארן קיין אמעריקע, ווען דער גערער רבי איז ארויס געקומען פון זיין קאר האט זיך געמאכט א שטיקל עקסידענט מיט א צווייטע קאר וואס האט אראפגעבראכן די טיר פון די קאר וואו דער גערער רבי איז געזעסן. האט ער דאס באלד תולה געווען אז דאס האט פאסירט וויל ער איז נישט געגאנגען באזוכן דעם רבי'ן, אפילו דער רבי איז נישט געקומען צו אים, און ער האט געזאגט פאר זיינע משמשים אז מ'לאזט זיך שוין ארויס צום שיף און שלום נעמען פונעם סאטמארער רבי'ן.

דער רבי איז שוין געווען ביי די שיף, גרייט ארויפצוגיין און אהיימפארן בשעת ווען דער גערער רבי איז פלוצלונג אנגעקומען צום שיף און זיך באגריסט מיטן רבי'ן און מיט אים געשמועסט מיט גרויס ידידות. דאס איז געווען דאס לעצטע מאל וואס זיי האבן זיך געזעהן. (יעקב זילבערשטיין, שמעי' ברוך גאלד)

### תתתתרס) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ג ר' ארי' דוב קארנבלי שליט"א ר"מ בישיבה"ק

שוין א לענגערע צייט וואס ער לערנט מיט זיינע תלמידים אין די ישיבה גדולה (שיעור ד') מס' חולין, יעצט האלט מען ביי דארף ס"ה, ווי די גמרא איז מסביר באריכות די סימנים פון די היישעריק 'חגב' און ווי אזוי מ'קען דערקענען א טהור'ע היישעריק, די פיר לאנגע פיס, און דער אופן ווי אזוי עס שפרינגט וכו' א באקאנטע שווערע מציאות.

יענע נאכט נאך מעריב ארויסגייענדיג פון ביהמ"ד נאך שטייענדיג ביי די מזוזה האט ער באגעגנט א היישעריק שטיין נעבן די טיר. עס האט אויסגעזעהן ווי דער היישעריקווארט אז מ'זאל זיך באנוצן מיט איר. ער האט צוזאמען גערופן די בחורים, און אינאיינעם האט מען באטראכט דעם היישעריק וואס האט טאקע געהאט גענוי אלע סימנים וואס די גמרא האט געזאגט, און דורכדעם מציאות האבן זיי אלע בעסער פארשטאנען די גאנצע סוגיא. (חיים קארנבלי)

### תתתתרסא) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ח ר' יודא משה געלב הי"ו

מיט יארן צוריק האט ער געהאט א הויז וואו עס האבן געוואוינט ווילדע גוים וואס האבן געהאנדלט מיט אומלעגאלע סחורה, און זיי האבן געהאט מיט זיך א ביקס. און ער האט פון זיי אסאך געליטן, און נישט איינמאל האט ער געדארפט רופן די פאליציי אז זיי זאלן קומען באהאנדלען די צווילדעוועטע גוים, און ער האט דערציילט איבער זייערע אקטיוויטעטן.

אבער די פאליציי פלעגט גארנישט טון זאגנדיג אז ווילאנג ער קען נישט אויפווייזן וואס די גוים האבן געטון קעגן דעם געזעץ קענען זיי גארנישט טון פאר די גוים. אזוי האט ער זיך פון זיי היבש לאנג אפגעליטן.

אין יענע צייט איז ער געקומען אויף שבת שקלים צו **רביה"ק בעל ברך משה זי"ע** און נאך שבת איז ער אריין צום רבי'ן און ער האט אים דערציילט אז ער ליידט שטארק פון גוי'אישע טענענטס, און ער וויל א ברכה אז ער זאל פטור ווערן פון זיי.

זאגט אים דער רבי "די וואכן לערנען מיר דאך די פרשה פון יציאת מצרים, ווי אזוי די אידן זענען פטור געווארן פון די מצרים, דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט אויך פטור ווערן פון די גוים".

ווען ער איז אנגעקומען אהיים קיין מאנטריאל איז ער געווארן אז עס איז געשעהן א 'ליעק' אין א וואסער פייפ, און די גאנצע דירה איז פארפלייצט געווארן, די גוים האבן געזעהן אז עס איז צרות האבן זיי געמאכט פליטה, און פון דעמאלטס האט ער געהאט מנוחה פון זיי. (חיים מרדכי געלב)

### תתתתרסב) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע
## הרה"ח ר' יחזקאל הלוי ווערצבערגער ע"ה משמש

איך בין געווען אמאל ווען דער ריסקעווער רב זצ"ל האט געמאכט א ברית פאר צווילונג-אייניקלעך וואס זענען געבוירן געווארן צו זיין זון הרה"ח ר' פנחס יודא הי"ו. ביי איין ברית איז דער רבי **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** געווען סנדק און ביים צווייטן ברית איז דער ריסקעווער רב געווען סנדק.

ביי די סעודה האט זיך דער ריסקעווער רב אנגערופן צום רבי'ן אז היינט איז זייער שווער פאר א רב צו האבן א סנדקאות וויל יעדער וויל האבן די זכי' אז דער רבי זאל זיין סנדק ביי זיין קינדס ברית...

האט זיך דער רבי אנגערופן אז הרה"ק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע האט זיך אויסגעדריקט אז ער האט דערקענט אויפן שטערן פון יעדעס קינד ביי וועמען דער הייליגער ישמח משה זי"ע איז געווען סנדק.

ווי נאר דער רבי האט ארויס געזאגט די ווערטער איז ער בלאס געווארן, און ער האט גארנישט גערעדט, עס האט אויסגעזעהן ווי ער האט זיך בטעות ארויסגעכאפט די ווערטער און ער האט געוואלט צוריק ציעהן. ווייטער ביי יענע סעודה האט שוין דער רבי ווייטער גארנישט געשמועסט. (יחזקאל שרגא הלוי ווערצבערגער)